מאָטל סעמיאַטיצקי (קאַנאַדע)

# מיין שטעטל קאַצק



1

איך בין געבוירן געוואָרן אין קאָצק אין יאָר 1906. די ערשטע בילדער פון מיינע קינדער יאָרן שווימען אויף פאַר מיר נאָר פון מיין פינפטן אָדער זעקסטן לעבנסיאָר. און זענען פאַרבונדן מיט וואַרעמע שיינע זומער טעג. ווייזט אויס אַז אין די קאַלטע ווינטער טעג פלעגט מען מיך גאַנץ זעלטן אַרויסלאָזן פון שטוב.

העלע, גאָלדענע זומער טעג! דער ברייטער מאַרק ליגט מיט זוניק ליכט באַגאָסן, רואיק און שלעפעריק. שטיל, מען הערט קוים דאָס זשומען פון אַ פליג. די געוועלבן מיט די אָפענע טירן קוקן אַרויס ווי ליידיקע טונקעלע בעשאָטענטע אויגן. נאָר פון אייניקע הערט זיך אַ גערויש: אין יוסף מאיר חזנ׳ס אייזן געוועלב זיצט אין פראָנט רחלע די חזנ׳טע און עטלעכע שכנות אַרום איר, און זענען שטאַרק פאַרטאָן אין אַ לאַנגן שמועס, וואָס האָט נישט קיין ענדע. אין אַנדערן עק מאַרק, ביי ישראל מענדלס קאָלאָניאַל־געוועלב, וועלכער איז שטענדיק פאַרלייגט מיט קאַסטנס, זיצן טרעגערס און געניצן הויך אויפן קול, און פרווון אויס טומלענדיק פון צייט צו צייט זייערע כוחות... אין מיטן מאַרק — 2 הילצערנע בודקעס, אין וועלכע בערישל און יאַנקל מארכעווקע פאַרקויפן סאָדע־וואַסער פון רוישענדע סיפאָנען.

אויפן וועג אין חדר, אין ראָג פון מאַרק, ביים אַריינגאַנג אין ביאַלאַבזשעגער גאַס (לעצטנס בערקא יאסעלעוויטשא), גיי איך פאַרביי טישלעך פאַרלייגט מיט געבעקס. זשומענדיקע שוואַרצע פליגן באַדעקן די צוקער בעשמירטע קיכעלעך, און שטערן די יידענעס כאַפּן אַ געשמאַקן דרימל. אויף דער יאַטקע גאַס — שטעלן מיט אויבס פון ביידע זייטן גאַס. דאָ איז שוין אַ ביסל טומלדיק — פון צייט צו צייט באַווייזט זיך אַ קונה אויף די עפּעלעך, באַרנעס און ווענגערקעס. און באַלד דרימלט ווידער דער מאַרק. אָבער אָט גנב׳עט זיך צו שטילערהייט אַ שטעטלדיקע קאָזע צו אַ שטעל און פרווט פאַרזוכן אַ פרוכט — עס ווערט אַ גערויש, אַ געפילדער.

די באטשאנעס, מאלע פייגע מיט די טעכטער און מיר חדר־ייִנגלעך לאָזן זיך הענדום־פענדום לויפן נאָך דער קאָזע... און באַלד בין איך שוין אין אַ קליין געסעלע ביי מיין רבי׳ן איטשע מאיר.

2

מיין ערשטער רבי, איטשע מאיר, אַ נידעריקער און דיקער, הינקט אויף אַ פוס און איז זייער אַ פריילעכער. זיין ווייב, אַ ביסל שיקלדיק אויף איין אויג, פלעגט אַלע יאָר אים בעשיינקען מיט אַ מיידעלע. און דער רבי האָט דווקא געוואָרט אויף אַ קדיש, אַ בן זכר... דאָס האָט אָבער נישט געשטערט זיין פריילאַכקייט. צייטנווייז פלעגט ער ווערן זייער לוסטיק און האַלטנדיק די האַנט אונטערן אויער פלעגט ער זינגען זיינס אַ באַליבט לידל:

דער רביניו האָט מיך געהייסן, געהייסן
ניסעלאַך אָפרייסן, ניסעלאַך אָפרייסן,
הויך זענען די בוימעלאַך,
קליין זענען די יידעלאַך,
קענען נישט דערגרייכן,
קענען נישט דערגרייכן.

מיר קינדער אין חדר פלעגן מיטזינגען דאָס לידעלע, און שטאַרק ליב געהאַט דאָן אונזער רבין. איטשע מאיר דער מלמד פלעגט אונז אויך פירן לייענען קריאת שמע ביי אַ קינפעטאָרן. ער פלעגט דאָרט פאַרזאָגן דעם גוט איינגעשטר־דירטן „מלאך הגואל״ און מיר נגך אים — און דאָן פלעגט אונזער אויסגעשריי „אַ גוטע נאַכט דעם קליינעם ייִנגעלע״ פאַרהילכן דאָס גאַנץ שטעטל.

נאָך איטשע מאירן, האָב איך געלערנט ביי מאיר אייזיק, אפרים מוהל, שיעלע (אַ יונגער רבי), און דאַן ביי מיין לעצטן רבין, פנחס איצלס. דאָך פון אַלע איז מיר אַמבולטסטן איינגעקריצט אין זכרון מיין ערשטער פריילעכער מלמד — איטשע מאיר.

3

אָט שווימט אויף פאַר מיר דאָס ראדזינער שטיבל, וואוהין איך פלעג גיין מיט מיין פאָטער דאַוונען. נאָך יעצט קלינגען אין מיינע אויערן די „לכה דודי׳ס״, וואָס יעקב־לייב, אַן עלטערער בכבודיקער און זייער זויבערער ייד פלעגט אויס־זינגען ביים עמוד. מיט מיין קליין שטימעלע פלעג איך אים צוהעלפן, און בשעת מעשה פילן, אַז איך בין שוין אַ גרויסער... ווען דער עולם האָט זיך צעזונגען, האָט זיך מיר געדוכט ווי אַ וואַלד האָט זיך צערוישט...

פרייטיק צו־נאַכטס נאָכן עסן, אין שטוב שלאָפן שוין מיינע עלטערן און ברידער. די שבת ליכט שוין אויסגעגאַנגען, אָבער דער גרויסער „עלפער״ לאָמפ אויפן טיש ברענט נאָך. פון קאַכל אויוון ווייעט מיט אַ ליבע וואַרימקייט. איך קען

נישט איינשלאָפֿן: מיט אַלע חושים הער איך דאָס געטלעכע זינגען, די שירה פֿון מלאכים — לכה דודי לקראת כלה... איך זעץ זיך אויף און זוך פֿונוואַנען קומט דער געזאַנג? ס'איז געווען ווי אַ פֿערפּלייצונג. דער געזאַנג איז געקומען פֿון אינעווייניק — כל עצמותי תאמרנה...

שבת פֿרי באַקומט דאָס שטיבל אַן אַנדער אויסזען. מען זיצט ביי אַ לאַנגן שולחן און מען איז מעביר סדרה מיט אַ האַלב־שבת'דיקן האַלב־וואָכעדיקן ניגון... מרדכי'לע קאָוועבלום, אַ קליין הויקערדיק יידעלע מיט הויכן לומדישן שטערן און אַ הדרת־פּנים, שטייט אָנגעלענט ביים שטענדער, פֿאַרטיפֿט איבער אַ ספֿר. פֿון צייט צו צייט רופֿט ער צו מיין טאַטן, ווייזט מיט אַן איידעלן ווייסן פֿינגער אויף אַ חידוש און איז זיך מתווכח מיט אַ שמייכל. ווי שטאָלץ בין איך דאַן געווען אויף מיין טאַטן!

שבת פֿאַרנאַכט, פֿאַר מנחה, אין די זומער טעג, פֿלעגט דער טאַטע אַרויסגיין מיט אַ פּאָר עלטערע בחורים אויפֿן ראַדזינער שאָסיי און עפּעס אַ סך גערעדט מיט זיי. אין דער שטילער פֿאַרנאַכטיקער לופֿט זענען געפֿאַלן ווערטער ווי השכלה, אויפֿקלערונג, טראַדיציע א. אַ. וו. איך גיי נאָך מיין טאַטן און פֿאַרשטיי נישט קיין וואָרט פֿון דעם הויכן שמועס.

4

אַ פּאָר יאָר פֿאַר דער ערשטער וועלט קריג, האָט מיין פֿאָטער געעפֿנט אין קאָצק אַן אָפּטיילונג פֿון אַ פּעטערבורגער באַנק. אונזער הויז איז געוואָרן אַ צו־זאַמענטרעף־פּונקט פֿון דער יוגנט און פֿון די פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין שטעטל. עס האָט זיך געשאַפֿן ביי אונז אַ שטענדיקער קרייז, צו וועלכן עס האָבן געהערט ווי איך געדענק, אברהם טשאַרנע (שפּעטער רב אין בריסק), שיעלע (הערשעלע מורה־הוראה'ס זון), ישעיה ווייסבראָט, יעקב הערץ (נאָך דאַן זייער יונג), דוד־טעבל מאָנטשאַרזש, חיים שיע זאַלצמאַן א.אַ. פֿון דעם קרייז האָט זיך שפּעטער אויסגעבילדעט דער ציוניסטישער אַקטיוו אין שטעטל.

ביי אונז אין שטוב פֿלעגט מען תמיד דיסקוטירן, שטורמען און בויען נייע וועלטן... מיין מוטער איז אָבער ניט געווען צופֿרידן פֿון דעם. מיט איר תמימות'דיקן פֿרומען חוש האָט זי געפֿילט, אַז מיין פֿאָטער וועט אַראָפּגיין פֿון דרך הישר... אינטערעסאַנט איז, אַז דווקא מיין זיידע איטשע, וועלכער פֿלעגט פֿון צייט צו צייט באַזוכן וואַרשע צוליב זיינע „געשעפֿטן און איז שוין געווען מער „וועלטליך" — האָט באַרואיקט מיין מאַמען און איר פֿאַרזיכערט, אַז מען קען זיין אַ גוטער איד מיט השכלה און נייע געדאַנקען. ווען עס האָט זיך שפּעטער געעפֿנט אין קאָצק אַ רוסישע גימנאַזיע און מיין ברודער יאַנקעל איז דאָרט אַריינגעטרעטן לערנען האָט מיין מאַמע זיך שוין ניט אַזוי שטאַרק קעגנגעשטעלט.

דער דאָזיקער פאָרטגעשריטענער קרייז אָבער איז דאָן געווען אַ קליינע מינדערהייט פון די יידן אין קאָצק, וועלכע זענען נאָך געשטאַנען פעסט אין דעם אַלטן פרומען שטייגער לעבן, ווי מיט יאָרן צוריק.

## 5

אויגוסט 1914. עס ברעכט אויס דער ערשטער וועלט־קריג. אַלגעמיינע מאָביליזאַציע אין רוסלאַנד. אַ ווענדע־פּונקט אין דער היסטאָריע — און אויך אין קאָצק... אין זכרון איז מיר געבליבן פון דעם געשעעניש אַ בילד אויף דער ביאַלאָבזשעגער גאַס. דער שרייבער גורטשינסקי, רופט אויס די נעמען פון די „זאַפּאַסנע", וועלכע מען פירט אַוועק אויף די וועגענער צו דער באַן, צו דער מלחמה. די געוויינען און יללות פון די פרויען, קריסטליכע און יידישע, זענען אָין לשער. איך וויין אויך מיט זיי... ווען די פערד רירן, כאַפּן די פרויען אָן די וועגענער, און שלעפּן זיך נאָך אַ שטיק וועג...

ביי מיין פאָטער אין באַנק פלעגט אָנקומען די איינציקע רוסישע צייטונג פון סאַמע פעטערבורג און יידן פלעגן אַריינקומען זיך דערוויסן נייס און נאָכפּאָלגן די מלחמה־אָפּעראַציעס. עס פלעגן דערביי אויסברעכן היציקע וויכוחים: אַ טייל האָבן געהאַלטן פון צאַר ניקאָלייס חיילות — און אַ טייל מיט'ן קיר"ה און דייטש. די קולות זענען געגאַנגען עד לב השמים — יעדער צד האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן בקי אין סטראַטעגיע — ווי זיי וואָלטן דאָס גאַנצע לעבן געפירט מלחמות...

עס האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט, און דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט צו דעמבלין (איוואַנגאָראָד), אַ רוסישע פעסטונג, 45 קילאָמעטער פון קאָצק. די קאַמפן האָבן דאָרט אָנגעהאַלטן אַ לענגערע צייט, און אין קאָצק האָבן אָפּגעהילכט די ווייטע האַרמאַטן קנאַלן. מיר יינגלעך, האָבן אַפילו אויסגעפונען, אַז ווען מען לייגט צו דעם אויער צו דער ערד הערט מען שטאַרקער דאָס געשיסערייִ... פלעגן מיר ליגן אויף די ערד און האָרכען...

## 6

באַלד אָבער איז די מלחמה געוואָרן גאַנץ ערנסט. אויס היציקע וויכוחים און קינדערשפּיל. עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן היימלאָזע, אַרויסגעטריבענע יידישע פאַמיליעס פון די שטעטלעך ביי דעם פראָנט (דעמבלינער, קאָזשעניצער). אין די כמורנע, רעגנדיקע אָסיען טעג פון 1915 זענען יעדן טאָג אָנגעפאָרן אויפן מאַרק פורלעך מיט יידישע אָרעמע פעקלעך, אויסגעווייקטע פון רעגן מענער, פרויען און קינדער, וועלכע די רוסישע מאַכט האָט געגעבן נאָר איניקע שעה צום עוואַקואירן פון זייערע היימען, אַפילו אָן טראַנספּאָרט מיטלען.

קאָצקער אידן, דערשיטערטע פון די דאָזיקע טרויעריקע בילדער, האָבן זיך באַלד גענומען צו הילפסאַרבעט. אַלע היימלאָזע זענען גלייך איינגעאָרדענט געוואָרן ביי די שטעטלדיקע בעלי־הבתים אין די הייזער. מען האָט באַלד אָרגאַניזירט אַ הילפס־קאָמיטעט. ביי מיין פעטער נח גרינהיים אויפן הויף האָט מען געעפנט אַ קיך פאַר די היימלאָזע, וואו זיי פלעגן באַקומען פרישטיק און מיטאָג עסן. איך געדענקט מיט וואָס פאַר אַ מסירות די פרייוויליקע האָבן געטאָן זייער אַרבעט אין קיך: לייבוש קרייצמאַן, אברהם וועלניאַזש, אברהם זאַקאַליק, אברהם אייבעשיץ, יחיאל טאַשעמקאַ, יעקב הערץ א.אַ. ביי אונז אין באַנק פלעגן אָפּגעהאַלטן ווערן די זיצונגען פון הילפס־קאָמיטעט, וועלכער האָט מיט זיינע איבערגעבענע אַרבעט דערמונטערט און דערוואַרעמט די הערצער פון די אומגליקלעכע.

אין אייניקע חדשים שפּעטער האָט זיך דער פראָנט דערנענטערט צו קאָצק גופא, און עס האָט זיך אָנגעהויבן די עוואַקואַציע פון דער ציווילער באַפעלקערונג. אין אַ העלן זומער פרימאָרגן האָבן מיר אַרויסגעטראָגן די אַלט באַקאַנטע פעקלעך פון אונזער היים, זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ גרויסן וואָגן און אַוועקגעפאָרן קיין שעדלעץ, וואו עס האָט געוואוינט מיין פעטער יאָסל. מיט אונז זענען מיטגעפאָרן דער זיידע איטשע און די באָבע בתיה (וועלכע האָט מיטגענומען מיט זיך נאָר איר קרבן מנחה סידור און דעם „צאינה וראינה"), מיין פעטער שמחה, די מומע לאה מיט אירע צוויי קינדער.

אויפן וועג פון ראַדזין קיין לוקאָוו זענען אונז אַנטקעגן געקומען פיל רוסיש מיליטער. צווישן די סאָלדאַטן האָט מיין זיידע דערקענט איינעם אַ ייד און אים וואַרעם געזאָגט „גוט מאָרגען". דער סאָלדאַט האָט אָבער ניט געענטפערט און נאָר אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ: „אסור להפסיק" — און ווייטער געדאַוונט. דער בילד ווי אַ יידישער סאָלדאַט גייט דאַוונענדיק אין מלחמה — האָט מיין זיידן גערירט ביז טרערן...

7

אָפּזייענדיק ביי אַ יאָר אין שעדלעץ, שוין אונטער דער דייטשער מאַכט, האָבן דער פאָטער מיטן זיידן באַשלאָסן צוריקפאָרן קיין קאָצק — די עקאָנאָמישע לאַגע איז געווען זייער שווער, ס'איז ניט געווען קיין פרנסה. אין איינעם אַ פראָסטיקן ווינטער־טאָג פון יאָר 1916 האָבן מיר זיך אומגעקערט פון אונזער היימלאָזיקייט קיין קאָצק. דער טיף באַשנייטער קאָצקער מאַרק האָט מיר עפּעס אויסגעזען ברייטער און רחבות'דיקער נאָך די שעדלעצער פילשטאָקיגע הייזער. אין דער לופט האָבן געפינקלט אייזיקע שניי־פליטערלעך. טשאַטעס שוואַרצע קראָען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די ווייסע דעכער פון די אַלטע הייזקעס און אַרום און אַרום איז געווען אַזאַ מאָדנע שטילקייט... אין אַזאַ רוהיגן ווינטער פרימאָרגן איז אַוודאי

פֿאַרגעקומען דער געשפּרעך פֿון אַלטן קאָצקער מיט אַ דאָרפֿישן שוחט, וועגן וועלכן עס האָט מיר דערציילט מײַן באָבע באַשע.

צום אַלטן קאָצקער — האָט זי דערציילט — איז אַ מאָל געקומען אַ דאָרפֿישער שוחט אין זיך באַקלאָגט אויף די דאָרפֿסלײַט, וואָס מאַכן אים אָן צרות ווען אַ בהמה ווערט טריף. דערבײַ האָט ער געגעבן אָנצוהערן, אַז דער לוקאָווער שוחט איז שוין אַן׳אַלטער מאַן, מיט אַ שוואַכער ראייה, און עס וואָלט אפשר געווען אַ סברה, אַז ער זאָל ווערן שוחט אויף זײַן פּלאַץ. דער קאָצקער רבי איז געשטאַנען אויסגעדרייט צו אים מיט דער פּלייצע און אַרויסגעקוקט דורכן פֿענסטער צום ווייסן באַשנייטן דרויסן, וואו שוואַרצע קראָען האָבן זיך געריסן איבער אָפּפֿאַל פֿון אַ הינדל אויפֿן מיסט. זעסט די קראָען — האָט דער רבי אָנגעוויזן דעם שוחט — דאָס זענען נשמות פֿון שוחטים רשעים... מײַן באָבע באַשע האָט מיר קינדווײַז דער־ציילט פֿיל מעשׂיות וועגן קאָצקער, אין וועלכע זי איז געווען בקי ממש ווי חסידים פֿון אַמאָל.

דערווײַל זענען מיר צוריק געוואָרן תּושבֿים פֿון שטעטל. פּרנסה איז דאַן געווען בשפֿע: ײדן האָבן געהאַנדלט־געוואַנדלט און געאַרבעט. נאָך די גירושים און דיסקרימינאַציעס פֿון דער צאַרישער הערשאַפֿט — האָט מען אַ ביסל פֿרײַער אָפּגעאָטעמט. אויך די באַציאונגען מיט דער פּוילישער באַפֿעלקערונג זענען געווען נישט שלעכטע — זענען מיר דאָך צוזאַמען געווען אונטער איין אָקופּאַנט. די דײַטשע מאַכט האָט נאָמינירט אַ ש ט אָ ט ־ ר אַ ט, וועלכע איז באַשטאַנען פֿון העלפֿט פּאָלאַקן, און די צוזאַמענאַרבעט איז געווען זייער אַ פֿרײַנטלעכע און לאָיאַלע.

8

איך האָב דאַן געלערנט בײַ מײַן לעצטן רבין פּנחס־איצל׳ס — ס׳איז מיר אָבער שוין געוואָרן ענג אין חדר. אין קאָצק האָבן אָנגעהויבן בלאָזן נײַע ווינטן — מען גייט גרינדן אַ „קולטור־פֿאַריין״, יוגנט קלוב, מען וועט לערנען, שפּילן טעאַטער, בקיצור אַ נײַ לעבן. שוין דאָס אײַנפֿירונג פֿון עלעקטריש ליכט אין קאָצק צו יענער צײַט — האָט אָנגעזאָגט עפּעס נײַעס... די ברידער ישׂראל און לייבל זאַקאַליק, פּשוטע ענערגישע פֿאָלקס־ײדן, האָבן אויפֿגעשטעלט אַן עלעקטראָ־דינאַמאָ, און עס איז פּלוצלינג געוואָרן — „ויהי אור״! קאָצק האָט געשטוינט, גויים האָבן זיך געצלמ׳ט — אַ קלייניקייט, דאָס ליכט לעשט ניט אויס אַפֿילו אין ווינטן און רעגנס! עלטערע ײדן האָבן געקוקט אויף דעם מיט חשד, געפֿילט אַז עס שמעקט דערפֿון מיט נײַע צײַטן, מיט אַפּיקורסות...

נאָך דעם „זמן״ בין איך שוין מער אין חדר ניט געגאַנגען, צום גרויסן פֿאַרדרוס פֿון מײַן מאַמען, וועלכע האָט געהאָפֿט אַז כאָטש איין זון זאָל זײַן פֿרום

(מיין עלטערער ברודער האָט געלערנט אין לוקאָווער גימנאַזיום, און מיין יינגער ברודער דובטשע, איז אויך אַראָפּ פון דרך הישר). אייניגע חברים מיינע זענען שוין געווען מיטגלידער און יוגנט קלוב ביים „קולטור פאַריין” (אויף די וועסאָלאָ גאַס, נאָך ישראל מענדלס קאַלאַניאַל געוועלב). מיין פאָטער האָט מיך ניט געלאָזט זיך אָנשליסן אין יוגנט־קלוב. ביזט נאָך צו יונג — האָט ער געטענה'ט — און דאַרפסט זיך נאָך לערנען. אָבער די חברים האָבן גובר געווען — איך בין אַוועק מיט זיי אין יוגנט־קלוב.

בכלל האָט זיך דאַן אָנגעהויבן אַן אינטענסיווע געזעלשאַפטליך־פּאָליטישע באַוועגונג אין קאָצק. צו יענער צייט האָט זיך אויך געגרינדעט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. און איר ערשטע פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען ביי יענקל טאָפּעל אין שטוב (איך בין דאָרט בייגעווען צוזאַמען מיט מיין פאָטער) אויף וועלכער ס'איז דאַן אויסגעקליבן געוואָרן די פאַרוואַלטונג, צו וועלכער עס האָבן געהערט ליזער סעמיאַטיצקי (פאָרזיצער), ישעיה ווייסבראָט (סגן), מיכאל ראָק (גזבר), יעקב טאָפּעל, יעקב הערץ, אברהם טשאַרנע און גרשון בראָנשטיין. די פאַרוואַלטונג האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט ממש מיט אַ חסידישע התלהבות: מען האָט ווערבירט מיטגלידער, דורכגעפירט פאַרזאַמלונגען, קרן־קיימת זאַמלונגען און אחרון־אחרון: מען האָט געגרינדעט אַ טאָג־שול פאַר קינדער מיט העברעאיש אַלס אונטעריכטס שפראַך. ס'איז ממש געווען אַן איבערקערעניש אין קאָצק: אַ העברעאישע שולע פאַר יינגלעך און מיידלעך! אין אָנפאַנג האָט זיך די שול געפונען אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע (2 גרויסע שטובן אין אונזער הויז אויפן ערשטן שטאָק). נאָך אַ קורצער צייט איז דער לאָקאַל געוואָרן צו קליין, צוליב דער גרויסער נאָכפראַגע פון די עלטערן צו פאַרשרייבן נייע קינדער אין דער שול. די שול איז אַריבער אין גרעסערע לאָקאַלן (ביי מרדכי יוסף זוסמאַן אין הויף). די לערער אין שול זענען געווען: יעקב הערץ — הברעאישע גראַמאַטיק, געזאַנג (אגב, יעקב הערץ, היינט אין ישראל, איז געווען דאַן דער „רוח החיה” אין דער ציוניסטישער קולטור אַרבעט, און האָט איר געווידמעט זיין גאַנצן יוגנט־ברען), יצחק־אליה צוקערמאַן — אידישע היסטאָריע, יונה זיגעלמאַן — אַריטמעטיקע, יידיש א.אַ. אין אַ יאָר שפּעטער האָט מען שוין געבראַכט פּראָפעסיאָנעלע לערערס פאַר העברעאישע און וועלטלעכע לימודים. די שולע האָט זיך אַנטוויקלט און איר דערפאָלג איז געווען גרויס.

9

ס'איז היינט שווער איבערצוגעבן ווי גרויס איז געווען דער איבערברוך אין יידישן לעבן אין די יאָרן 1917—1918. נאָך אַזוי פיל יאָרן פון צאַרישער רעפרעסיע און רעכטלאָזיקייט, האָבן כוואַליעס פון פרייהייט פאַרכאַפּט מיט זיך די

ייִדישע באַפעלקערונג, און מיט אַ שטאַרקן שטראָם מיטגעריסן און צײַטנווײַז צעשטערט אַלטע אײַנגעפונדעווועטע פאָרמען פון לעבנס־שטייגער. ס'איז געווען אַ מין „שטורם און דראַנג” פעריאָד אין אידישן קולטור לעבן אין שטעט און שטעטלעך אין פוילן; אַלץ האָט זיך געריסן צו קולטור און וויסן.

די גרינדונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, די העברעאישע שולע, די גאַסן־זאַמלונגען פאַר קרן־קיימת דורך די דאַן יונגע מיידלעך באַפּוצטע מיט ווײַבלויער סטענגעס (פרימעט זאַקאַליק, דבורה ליבפריינד, ריווע ראָטבוים, פייגעלע זאַלצמאַן, חוה גאָלדפינגער א.אַ.), דער „קולטור פאַריין, די קאָנצערטן, דעקלאַמאַציעס — נאָר ווער עס האָט דאָס מיטגעלעבט קען אָפּשאַצן די גרויסע איבערקערעניש, וואָס איז פאָרגעקומען דאַן אין די קאָצקער געסלעך. כאַראַקטעריסטיש פאַר קאָצק, אַז עס האָט זיך אַפילו געשאַפן דאַן אַ ציוניסטישע שטיבל (אַ מנין), וואו מען האָט געדאַוונט שבתים און יום־טובים (דער שליח־צבור איז געווען יעקב הערץ, אַ זון פון אַ פרומער חסידישער משפחה וועלכער האָט געלערנט יונגערהייט אין ישיבות. אַ פיינער מנגן מיט אַ קלינגענדיגע שטימע פלעגט ער צוציען אין ציוניסטישן מנין אויך פון אַנדערע שולן און שטיבלעך; איבערהויפּט איז געווען באַקאַנט זיין סליחות זאָגן).

די געוואַלטיקע געזעלשאַפטלעכע קולטורעלע און פּאָליטישע באַוועגונג האָט דערגרייכט איר העכסטן פונקט, ווען עס איז אָנגעקומען אין קאָצק, ענדע 1917, די ידיעה וועגן דער באַלפור־דעקלאַראַציע. עס איז אויסגעבראָכן אַן אויסערגעוויינלעכע פרייד. עס זענען איינגעאָרדענט געוואָרן אימפּאָזאַנטע גלענצענדע פאַרזאַמלונגען אין דעם ציוניסטישן לאָקאַל און אין דער גרויסער שול. ניט נאָר ציוניסטן — פּאָלקס מענטשן, „עמך”, בעלי־מלאכות, אַלע זענען פאַרכאַפּט געוואָרן מיט דער פריילעכער בשורה.

די פריידיגע אַטמאָספער האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט. ענדע 1918, נאָכן אונטערשרייבן דעם וואָפן־שטילשטאַנד פּאַקט, פאַרלאָזט דאָס דייטשע מיליטער אונזער שטעטל, און די פּאָליאַקן פאַרנעמען די מאַכט און די אַמטן. עס שאַפט זיך אַן אומאָפּהענגיקע פּוילישע רעפּובליק אויף די חורבות פון רוסלאַנד, דייטשלאַנד און עסטרייך — אָבער זייערע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס זענען פאַר'סמ'ט מיט אַנטיסעמיטישע לאָזונגען. באַלד הויבן זיך אָן איבערפאַלן אויף יידן אונטערוועגס. אין דאָרף שטשעפּעלין ביי קאָצק ווערט דערמאָרדעט דורך פּאָליאַקן דוד שטשעפּעלינער, דער מיל באַזיצער...

אָט אַזוי איז צערונען אַ פרישע אילוזיע.

IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

*Seyfer Kotsk*, 1961: 60-67